Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Moskve, 1941

דאָס פאָלק באוואָפנט זיך

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

## דאָס פאָלק באוואָפנט זיך

באוואָפנט גייט דאָס פאָלק. אפ ווייַט זיך הערט דער קנאַט
פונ פעסטע טריט איבער די לייַבלעכע פארוויגטע וועגנ,
אונ ס׳דוכט, אז שארבנס טרעשטשענ אונטער זיי נאָך פונ באָראָדינאָ,
ווּ ס׳האָט דער פייַנט א קייווער זיך דערשלאָגנ אינ געשלעגנ.

זיי שטעלנ זיך א ווייַל אפ אָפרו בא דער שוועל,
ווּ ס׳הייבנ זיך אינ דר׳הייך די ווענט פונ קרעמעל,
א טרונק טאָנ בא דעמ דראנג דעמ גרעסטנ אינ דער וועלט,
זייַנ שטאָלצנ רופ — מיט לייַב אונ לעבנ צו פארנעמענ!

אנ אלטער פארטיזאנ מיט שראמענ אפנ לייַב,
א גראָווער וועטעראנ פונ מאָסקווער באריקאדנ,
אונ יונגלינגענ — זיך אָפגעלאָזט געטרייַ
מיט טאטעס — איבער וועגנ רומפולע אונ גראדע.

פונ שול-באנק — אפנ פערד! פונ טראקטאָר — אפנ טאנק!
פונ פרידלעכנ ווארשטאט — אפ גרויזאמע הארמאטנ;
דו הערסט דייַנ בראָך, פאשיסט? מיט בלייַיקנ געטראנק
באזויפנ וועט דייַנ שיקערער דייַנ גאָרגל זיך צו זאט דאָ!

מיט דייַנע שארבנס זיך פארזייענ וועט א יעדער טאָל,
וואָס האָסט געפרווט מיט דייַנע טלאָענ א צעהאק טאָנ;

עס גייט דער שטאָלצ דער שלאכטיקער פונ פאָלק —
דער העכסטער גראד פונ דראנג אונ פונ געוואגטקײַט!

אנ איידעס איז דער טויט! אנ איידעס איז די צײַט!
געזעגנ זיי האָבנ ביידע, שטוינענדיק פונ ווונדער,
אז ניט פאראנ איז אזא קראפט, וואָס זאָל אינ שטרײַט
דאָס פאָלק מיט א יארמאָ אימשטאנד זײַנ צו באצווינגענ!

דער מוילעד איבער מאָסקווע — אפ דער וואכ,
די גאסנ פונ דער הויפטשטאָט שלאָפנ אײַנ פארטײַעט;
אונ מאכנעס מונטערע מארשירנ דורכ דער נאכט,
פארשטעלנ מיט דער ברוסט דאָס היימלאנד אונ די פרײַהײַט.

ס'איז נאכט. ס'איז שטיל. א יעדער הויז, ווי א געשפענסט.
א יעדער גאס אינ ווײַט יאָגט זיכ אזוי גראמ נאָכ,
ארײַנגעשטראָמט האָט שטאָלצ איוואנאָוו-וואָזנעסענסק,
דעמ וועג איז זינגענדיק פארגאנגענ אימ — קאָלאָמנע!

מע גייט, מע גייט — מע קייטלט זיכ באנאנד,
מע שליסט זיכ איינס צומ צווייטנ — נעענטער אונ פעסטער;
אונ מיט א הילכיקער באגריסונג פאר דעמ לאנד
שטרעקט אויס צו זיי די האנט — די רויטע פרעסניע!

אינ שאלעכלעכ באגעגענענ זיי מיידלעכ — מילד אונ יונג,
איבער געפילטע עמער וואסער אָנגעבויגנ;
אונ פרעגנ אויס: — וויל עפשער עמעצער א טרונק?
אונ ס'בליט פארשעמטקײַט צארטע אינ די אויגנ:

זיי ווילנ אויכ אצינד באגלײַכ מיט אלע גיינ.
די יונגע שטימענ קײַקלענ זיכ, ווי גלעקלעכ איבער;

אפֿ בלימלעך טרעפֿן זיי — צי דער געליבטער ליבט צי ניין,
און ס׳ענטפֿערט אָפּ די מוטער-נאַכט: — מיר ליבן אײַך, מיר ליבן!

איר זאָלט עס יעדן אויסזאָגן! — נאָר מער קיין וואָרט
זאָל ניט דערוויסן זיך פֿון אײַער מויל ניט קיינער;
און ס׳איז ניט שווער דעם קאָפּ אוועקלייגן פֿאַר יעדן אָרט,
ווו ס׳קוקן מיידלעך נאָך פֿאַרליבט און מוטערלעכע זקיינעס.

פֿונעם צעהאַנגענע וועש רײַסן די מאַמעס אָפּ די שטריק
און לייגן פֿאָר: — באַדאַרף זיי צו דער ביקס ניט קיינער?
— נעמט, זינעלעך! איר זאָלט געזונט זיך אומקערן צוריק
און בינדט זיי צו, ס׳זאָל גרינגער זײַן צו גיין אײַך!

א שווע צו דעם לאַנד איז זייער טראָט!
א ניידער צו דעם לאַנד איז זייער צאָרן!
דורך אַש און שטויב פֿון פֿײַנט און זײַן באַראָט
ווערט אפּ דער פֿרײַהײַט-שווערד געבראַכט זײַן דער ניצאָכן!

עס גייט דאָס פֿאָלק. אפֿ ווײַט זיך הערט דער קנאָט
פֿון פֿעסטע טריט איבער די לײַבלעכע פֿאַרוויגטע וועגן;
און ס׳דוכט, אַז שאַרבנס טרעשטשען נאָך אונטער באָראָדינאָ,
ווו ס׳האָט דער פֿײַנט א קייווער זיך דערשלאָגן אין געשלעגן!